Pinski, David.
Glikfargesene: drama in eyn akt.
In: Oysgeklibene shriftn : fun fir yortsendling. Vol. 1.
Hefah, 1963.
Pp. 119-123.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005-1915.22

Pinski, David.
Glikfargesene: drama in eyn akt.
In: Oysgeklibene shriftn : fun fir yortsendling. Vol. 1.
Hefah : [o. fg.], 1963.
Pp. 119-123.

I. Zinger, M. ed. II. -4 David Pinski.

ID : NXYH05-B11944 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /66802

Reduction ratio x14.0

ג ל י ק פ א ר ג ע ס ע נ ע

די ביאָגראַפיע פון מיין איינאַקטער „גליקפאַרגעסענע"

ווי אזוי בין איך געקומען צו דער טעמע און צו די געשטאַלטן פון דעם איינאַקטער? אַזאַ מעשה האָט זיך נישט געטראָפן און מיט די מענטשן פון דער נישט־געשעענער מעשה האָב איך זיך קיינמאָל נישט געטראָפן. אָבער וועלער קאָן מיר זאָגן, אז די מענטשן זיינען נישט לעבעדיקע מענטשן, און די מעשה, וואָס איך האָב וועגן זיי דערציילט, איז נישט א מעשה שהיה? ווי איך בין געקומען צו דער טעמע און צו די מענטשן איז דער סוד פון יצירה. איך האָב זיי געדאַרפט און זיי זיינען געוואָרן.

די שוישפּילערין קעניע ליפּצין האָט אין הארבסט 1904 אויפגעפירט מיין דראַמע „די מוטער", וועלכע איז אַ דריי־אַקטער און האָט נישט געקאָנט אויספילן דעם גאנצן אָוונט, ווי עס זיינען געווען די אידישע טעאַטערגייער אין ניו־יורק. אויף צופרידן צו שטעלן די טעאַטערגייער האָט זי אַנגאַזשירט אַ זינגער מיט אַ זינגערין, זיי זאָלן אויספילן די צייט, איידער דער פאָרהאַנג פאר דער דראַמע וועט זיך אויפהויבן. צוויי וואָכן איז אזוי אָנגעגאַנגען, אָבער דער זינגער מיט דער זינגערין האָבן נישט געטויגט. איז מיר איינגעפאַלן אויפצושרייבן אַ איינאַקטער, וואָס זאָל פאַרנעמען זייער פּלאַץ. דעם 7־טן דעצעמבער האָב איך אין עטליכע שעה'ן אויפגעשריבן דעם איינאַקטער „די גליקפאַרגעסענע", אָבער דאָך פאַרשפּעטיקט: ביז איך האָב אים איבערגעשריבן און נאָך א מאָל איבערגעשריבן, איז „די מוטער" אראָפּ פון דער בינע. איך האָב דעם איינאַקטער באַלד אָפּגעדרוקט אין דער וואָכנצייטונג „דער אַרבייטער" אין ניו־יאָרק און אין „פריינד" אין פּעטערבורג.

מיט עטליכע יאָר שפּעטער האָט די שוישפּילערין בערטא קאַליש, נישט געפונענדיק קיין פּאַסיקע פּיעסע פאר זיך, באַשלאָסן אויפצופירן דריי איינאַקטער: „די שוועסטער" פון י. ל. פּרץ, מיין „גליקפאַרגעסענע" און אַן איינאַקטער פון יעקב גאָרדין. די „גליקפאַרגעסענע" איז געווען דער דערפאָלג פון דעם אָוונט. בערטא קאַליש האָט שטאַרק אויסגענומען אלס פאַניע סעגאַל און גוסטאַוו שאכט, וואָס האָט געשפּילט דעם הינקענדיקן הינדעס, איז איבער נאכט געוואָרן אַ באַרימטער שוישפּילער. וועגן פּרץ'ס „שוועסטער" זיינען געווען חילוקי־דעות, גאָרדינס איינאַקטער, א באַאַרבייטונג פון א רוסישן איינאַקטער, איז געווען אַ גאַנצער דורכפאַל. אָבער די יידישע פּאַרטיי־קריטיק איז געווען זייער אומפריינטליך צו מיר, דעם מיטגליד פון דער סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטי (עס. על. פּי.). אַ פּאָר קריטיקער האָבן באַוויזן דעם קונץ און „גליקפאַרגעסענע" גאָרנישט דערמאָנט. לואיס מילער, רעדאַקטאָר פון דער „וואַרהייט" און גאָרדינס בוזעמפריינט, האָט באַערט די אויפפירונג פון די דריי איינאַקטער מיט אַ הויפּט־מאמר און דערקלערט, אז עס איז געווען א רחמנות אויף פּינסקין, וואָס האָט זיך „אריינגערוקט ווי א סענדוויטש" צווישן אַזעלכע צוויי מייסטער־ווערק, ווי דיביידע איינאַקטער פון פּרץ און גאָרדין...

אָבער אויך דער פיינפילנדיקער בעל מחשבות האָט אַוועקגעמאַכט „גליקפאַרגעסענע" כלאחר־יד און ווי ער וואָלט נאָר אויבנאויפיק אַריינגעקוקט אין דעם אינהאַלט. אין זיין אַרטיקל „דוד פּינסקי" (1906) דערמאָנט ער אגב אורחא, אז „אין 'פריינד' איז דערשינען פּינסקיס אַן איינאַקטער מיט פּרעטענסיעס צו שילדערן די פּסיכאָלאָגיע פון די נייע יידישע פּרוויענטיפּן... די אַרבעט האָט נישט געמאַכט קיין גוטן איינדרוק".

דער אמת איז, אז „גליקפאַרגעסענע" איז נישט קיין שילדערונג „פון די נייע פּרוויענטיפּן", אויף וועלכע איך האָב נישט די קלענסטע פּרעטענסיע, און אז די אַרבעט, וועלכע „האָט נישט געמאַכט קיין גוטן איינדרוק" איז געדרוקט און איבערגעדרוקט געוואָרן און איז נישט פאַרשוואונדן פון דער יידישער בינע עד היום הזה. ער איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף דייטש און ענגליש, און געשפּילט געוואָרן אין ביידע שפּראַכן. אין ענגליש איז ער דערקלערט געוואָרן ווי אַ מייסטערווערק און דערשינען אין אַן אַנטאָלאָגיע פון „50 בעסטע איינאַקטערס אין דער וועלט־ליטעראַטור". שפּעטער איז ער דערשינען אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע אין דעם באַרימטן ניו־יאָרקער פאַרלאַג „סעמועל פרענטש" און איך פריי זיך, הער זיך נישט אויף צו פרייען, אויף די גליקליכע פּאָר שעה, ווען אין א קאַלטן ווינטערטאָג האָט זיך דער דאָזיקע איינאַקטער ארויסגעוואַרעמט פון מיין נשמה.

באַמערקונג פונם אויסקלויב־רעדאַקטאָר:

דעם איינאַקטער „גליקפאַרגעסענע" האָט דוד פּינסקי אריינגענומען אין ערשטן באַנד דראַמען. אויסער די דריי פאַרשוינען: פאַניע סיגאַל, ליזע ערליך און הינדעס האָט ער דאָרט אויך געהאַט פיר אַרבייטאָרינס, וועלכע זיינען נאָר פאַרהאַן ביים אָנהויב פונם איינאַקטער. דער מחבר באַמערקט דאָרט, אז דער איינאַקטער קאָן זיך אויך אָנהויבן דאָ, וואו די פיר אַרבייטאָרינס זיינען שוין אַוועק.

איך האָב אַמאָל דערציילט דוד פּינסקין פון א וואונדערליך געראָטענער אויפפירונג פון „גליקפאַרגעסענע" אין אידישן טעאַטער אין ווין, אין וועלכער יצחק דייטש (אומגעקומען אין אַרגענטינע ביי אַ אויטאָ־עקסידענט) איז געווען דער רעזשיסאָר און האָט געשפּילט די ראָל פון הינדעס; די ראָל פון פאַניע סיגאַל האָט געשפּילט די באַליבטע אַקטריסע לאַהקע גראַף־ווייַנטרויב (דערמאָרדעט געוואָרן אין ווין פון די נאַציס) און דאָרט האָט מען אויסגעלאָזן דעם אָנהויב מיט די פיר אַרבייטאָרינס. האָט מיר דוד פּינסקי געזאָגט: זיי האָבן קלוג געטאָן; דער אָנהויב איז איבעריק. האָב איך דאָ אויך אויסגעלאָזן דעם אָנהויב.

אָט דעם ערשטן באַנד: „דראַמען" האָט דוד פּינסקי פאַרשריבן „מיין האָדלען, מיין טרייער, טייערער העלפערין".

מ. ז.

ג ל י ק פ א ר ג ע ס ע נ ע

דראַמא אין איין אַקט

(7 דעצעמבער 1904)

פ ע ר ז אָ נ ע ן:

פאַניע סעגאַל, אייגנטימערין פון אַ שניידעריי.

ליזע ערליך, אַ מוזיקערין. } וואוינען ביי איר אין שכנות.

הינדעס, אַ לערער }

די אַרבייט־שטוב ביי פאַניע סעגאַל. איין טיר לינקס פון פּובליקום, אַ צווייטע אין הינטערגרונד. די שטוב איז ליידיק. אין אַ אַנדערער שטוב לינקס ווערט געשפּילט קלאַוויר. עס קלינגט. **פ א נ י ע** (קומט אריין פון לינקס, גייט ארויס פון דער טיר אין דער הינטערוואַנט און קומט באַלד צוריק מיט אַ בריוו אין די הענט. זי רייסט אים אויף און פאַרטיפט זיך אין לייענען. אין שטאַרקער אויפרעגונג, מיט אַ גליקליך לאַכנדיקן פּנים שרייט זי אויף פון אנטציקונג): **א—או!** (פירט די האַנט איבער פּנים און האָר, קוקט אריין אין בריוו, שרייט ווידער אויף, אָטעמט שווער, קוקט ווידער אין בריוו און רעדט שווער ארויס): **דו, ליבער, ליבער!** (פאַרזינקט אַ ווייַלע אין געדאַנקען און באַלד הייבט זי אָן צו רופן): **ליזע! ליזע! ליזע!** (ווען זי רופט אריין ליזע'ן, הערט אויף די מוזיק).

ל י ז ע (קומט אריין, אויסגעפּוצט ווי צו אַ באַל, מאַכט איר נאָך). **וואָס איז? וואָס איז? וואָס איז?**

פ א נ י ע. נא לייען! אויף גיך! דאָס איז פון בערמאַן.

ל י ז ע (נעמנדיק דעם בריוו). **זעסט, מיר האָבן ערשט גערעדט. אָנגענומען טאַקי זיין דראַמא?** (קוקט אין בריוו).

פ א נ י ע (קוקט איר נאָך אין גרויסער אויפרעגונג).

ל י ז ע (לייענענדיק). **א, פיין! א, פיין!** (קערט איבער אַ זייטל, לייענט ווייטער): **א—הו, דאָס איז דאָך א פּשוטע דערקלערונג אין ליבע! פאַניע, פאַניטשקע!**

פ א נ י ע (מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם פון פרייד). **האָסטו עס אויך אזוי פאַרשטאַנען?**

ליזע (אריינקוקנדיק אלץ אין בריו.) זוי קאָן מען דען אנדערש פארשטיין? (קלייבט זיך צו לייענען אויפן קול): א—הום... (לייענט הויך מיט א געוויסער פייערליכקייט) „מיין דראמא איז אָנגענומען געוואָרן און וועט ווערן געשפּילט נאָך היינטיקן ווינטער. די באַדינגונגען זיינען אויסגעצייכנטע און דער דירעקטאָר זאָגט מיר צו אַ גרויסן דערפאָלג און פארביי־גייענדיק אַ גרויסן נאָמען" (לייענט אונטער דער נאָז, דורכ־לאָזנדיק עפּעס, און באַלד ווידער הויך): „אָך, איר האָט מיך געדאַרפט איצט זען. — — איך האָב מיך אַזוי צעזונגען און צעטאַנצט, אַז עס וועט מיך וואונדערן, אויב מען וועט מיך נישט משלח זיין פון דער דירה. איך פיל מיך אזוי שטאַרק. שאַפן, שאַפן. שאַפן!" (לייענט ווידער אונטער דער נאָז און באַלד דערנאָך מיט נאָך א גרעסערער פייערליכקייט און מיט אַ געוויסער ווייכקייט): „איך, איצט, האָף איך, וועלן זיך ביי אונדז אָנהייבן גוטע טעג, און אויף אזא אופן, וועלכער קאָן אייך נישט זיין גלייכגילטיק" (הערט אויף צו לייענען) דאָס זיינען אַביסל פארשטעלטע, אָבער פאַרט גאַנץ קלאָרע דיבורים (מיט ליבע און לאַסקע, איבערגעבנדיק פאניען דעם בריוו). צווייפלסטו נאָך, דו גליקליכע? דו טייערע פאניטשקע מיינע! (נעמט זי אַרום) אָך, דו... (קושט זי שטאַרק).

פאניע. האָסטו אויך אזוי פארשטאַנען? (אָטעמט פּלוצ־לינג ארויס, אויפציטערנדיק מיטן גאַנצן גוף): אהה—ה! (פארדעקט זיך דאָס פּנים מיטן בריוו, דריקט אים צו די ליפּן און אָטעמט שווער. באַלד נעמט זי ארויס דאָס טאַשנטיכל פונם רעכטן ארבל און טראָגט עס צו די אויגן).

ליזע (גערירט, האַלטנדיק פאניע מיט ביידע הענט ארום דער טאַליע). פאניטשקע מיינע! (דריקט זיך צו איר) אָך, ווי איך פריי מיך! דו, טייערינקע מיינע! (פארחלומט) איך ווייס שוין, ווי איך וועל היינט שפּילן ביי די גרינבערגס. מיין גאַנצע נשמה וועל איך אריינלייגן, און דאָס וועט זיין די לוסטיקסטע, ־לאַכנדיקסטע נשמה, וואָס האָט ווען עס איז געלעבט אויף דער וועלט.

פאניע (בויגט זיך אראָפּ און קושט זי אויפן קאָפּ). דו, גוטע מיינע!

ליזע. אה, מיין חלום איז ענדליך מקוים געוואָרן.

פאניע (לאָזט זיך אראָפּ אויף דער קרעסלא). דיין חלום?

ליזע (כאַפּט פון טיש א שטיקל מאטעריע, שפּרייט עס אויס אויף דער בריק און לאָזט זיך אראָפּ אויף די קני פאר פאניען). הערסט דאָך. איך האָב געחלומט פאר דיר אַ העלד, פאר וועלכן עס זאָל זיך ווילן אראָפּנעמען דאָס היטל, נישט קענענדיק אים אפילו. א זיגעסמארש האָב איך געחלומט פאר דיר, פולע שטאַרקע טענער. אַן אויסנאַם־מענטש, אַן איבער־מענטש, ווי נאָר דו אליין פארדינסט אים.

פאניע. שאַ־שאַ־שאַ, רייד נישט אזוי.

ליזע. ניין, ניין, ניין, דאָס ווילסטו ביי מיר נישט אוועק־נעמען. כל זמן איך וועל לעבן, וועל איך נישט אויפהערן צו באוואונדערן דיך. איך ווייס נישט, צי איך וועל געפונען אַ סך שוועסטערס, וואָס זאָלן ארויסטרעטן פון גימנאַזיום, אָפּזאָגן זיך פון זייערע אידעאַלן און שטרעבונגען, און אוועק צו א שניי־דערין, אויף צו קאָנען פארזאָרגן זייער יונגערע שוועסטער. דו האָסט דאָך אויף זיך נישט געקוקט, וועגן דיר נישט געטראַכט און געאַרבעט שווער און ביטער, צו מאַכן פון דיין שוועסטער אַ מענטש. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אָפּט בין איך געוועזן דיין שוועסטער אַ גרויסער שונא.

פאניע (ווייך). ביסט אַ שלעכטע.

ליזע. איך האָב ניט געקאָנט צוזען, ווי דו ארבעטסט דיך אָפּ.

פאניע. איך בין אָבער דערביי געוועזן גליקליך, געפילט זיך ווי קיין צווייטע, און איצט איז צו מיר קיין גלייכן נישטאָ, ווען איך זע זי זעלבשטענדיק מיט אַ גרויסער צוקונפט פאר זיך ווי אַ באַרימטע מאַלערין.

ליזע. אזא מין גליקליך זיין איז מיר נישט געפעלן. זעסטו, איך בין שוין צו עגאָאיסטיש. איך האָב געוואָלט פאר דיר אַן אַנדער גליק און באפרידיגונג. דאָס גליק פון זיין אַ פרוי, פון זיין אַ מוטער, פון געליבטע און ליבנדע.

פאניע (פארחלומט). איך האָב מיך אָפּגעווינט צו זען אין דער ליבע און אין דעם משפּחה־לעבן דאָס איינציקע גליק.

ליזע. דו, אָרימע!

פאניע. ווען די מאַמע איז געשטאָרבן, איז מיר מיין וועג געווען קלאָר: זיין מיין מיט אַכט יאָר יונגערער שוועסטער אָנשטאָט אַ טאַטן און אַ מאַמען. דאָס ציל איז מיר געווען גרויס און הייליק און איך האָב וועגן גאָרנישט אנדערעס געטראַכט. נאָר אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן — — אזוי צווישן צוויי־און־צוואַנציק און פינף־און־צוואַנציק — — איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ בענקעניש נאָך עפּעס אנדערעס. נישט ווייל זי איז מיר חס ושלום געוואָרן צו שווער, אָבער איך האָב געוואָלט עפּעס מער, א פולער לעבן, גליק און — — און — — ליבע. דעמאָלט פלעג איך אָפּט וויינען, נאָס מאַכן די קישן מיט מיינע טרערן, און בין געוועזן זער אומגליקליך. און דעמאָלט פלעג איך אָפּט זיין אזוי בייז. — — זעסט, איך בין גאָרנישט געוועזן קיין הייליקע.

ליזע (ציט־אראָפּ פאניעס קאָפּ צו זיך און קושט זי). דו, דו, דו!...

פאניע. אָבער שפּעטער איז עס אוועק פון מיר, ווי מיט די הענט אָפּגענומען. אלגא איז געוואָרן עלטער, איר טאַלאַנט האָט זיך אָנגעהויבן ארויסצווייזן אלץ מער. דאַן האָב איך מיך אין גאַנצן פארגעסן, און זי איז ווידער געוואָרן מיין גאַנץ לעבן.

ליזע. און דאָס איז אלעס?

פאניע. וואָס נאָך מער? אמת, ווען אלגא איז אוועק־געפאָרן אין פּעטערבורג, זי איז ארויס פון אונטער מיין רשות און איך בין געבליבן אליין, האָט זיך ווידער אויפגעוועקט אין מיר די אלטע בענקעניש. אָבער איך האָב מיר געזאָגט, אַז אין מיינע יאָרן קאָן איך שוין נישט וואַרטן אויף גליק און ליבע — — אויף דעם גליק אין דער ליבע, און איך האָב מיר אָנגעטאָן אַ כוח אויף ארויסצורייסן, אויסצו־וואָרצלן פון מיין הארצן יעדע בענקעניש. איך האָב מיר געזאָגט, מיין צוועק אין לעבן האָב איך שוין דערגרייכט — — איך האָב אַן אומבאַהאָלפן קינד ארויסגעהאָלפן אין לעבן און געשטעלט אויף די פיס — — —

ליזע. אָבער דו האָסט דאָך געליבט בערמאַנען?

פאניע. יאָ, איך האָב אים געליבט די גאַנצע צייט, אָבער איך האָב באַקעמפט אין מיר דאָס געפיל. דאָס לעבן האָט מיך אויסגעלערנט צו באַצווינגען און צו אונטערדריקן מיינע פארלאַנגען. איך האָב מיר געזאָגט, ער איז צו הויך פאר מיר — — —

ליזע. פאר דיר צו הויך?

פאניע. און איך בין צו אָפּגעלעבט פאר אים. און דאַן האָב איך געזאָגט, אַז זיינע טעגליכע באַזוכן זיינען צופעליקע, געהערן נישט מיר, נאָר זיין בעסטן פריינט און שוועסטערקינד הינדעס'ן, וועלכער וואוינט צופעליק ביי מיר.

ליזע. אָבער, ווי אזוי האָסטו גאָר נישט ארויסגעפילט, אַז ער איז צו דיר נישט גלייכגילטיק? אין זיינע אויגן האָסטו עס דאָך געדאַרפט ארויסלייענען!

פאניע (שמייכלט). זעסט דאָך! — — און אפשר איז עס דערפאַר, וואָס איך האָב געטריבן פון מיר יעדן געדאַנק וועגן ליבע. איך האָב מיר געוואָלט איינשמועסן, אַז איך בין שוין אַן אָפּגעדאַרט צווייגל אויף דעם בוים פון לעבן.

ליזע (שפּרינגט אויף). אַ, ווי דו האָסט געזינדיקט קעגן דיר!

פאניע שטייט אויך אויף). אָבער איצט איז אין מיר ווידער זאַפט און קראַפט. איצט בין איך ווידער יונג. — —

אָך, לעבן, לעבן! — — לעבן און געניסן דאָס לעבן, טרינקען עס מיט'ן פולן אָטעם, פילן עס מיט יעדן פולס־קלאַפּ — — אָך, ליזע! דו, שפּיל מיר איצט אַ זיגעסמארש, אַ פריידן־ליד, אַ יובעל־געזאַנג...

ליזע. אַז די ווענט זאָלן טאַנצן און די הימלען זאָלן צוזינגען. (לאָזט זיך צו דער טיר לינקס, זינגענדיק): „פרוידע, שיינער געטערפונקען, טאָכטער אויס עליזיום, וויר בעטרעטן..." (בלייבט שטיין) שאַ, הינדעס גייט! (הערט זיך צו).

פאניע (וועלכע איז געשטאַנען אין אַ פארציקונג, גיט זיך אַ טרייסל מיט'ן גאַנצן גוף און טראָגט צו דעם פינגער צו דער נאָז, ארויסשעפּטשענדיק): זאָג אים גאָרנישט.

ליזע. ניין, ער מוז עס וויסן, ער מוז זיך אויך פרייען. אויב ער האָט דיך ווירקליך ליב, מוז ער זיך פרייען. און דאַן זאָל ער איינמאָל פאר אלע מאָל ארויסשלאָגן דיך פון זיין קאָפּ.

פאניע. זיי דאָך נישט אזוי שלעכט.

ליזע. אי, גיי! ...הינדעס! הינדעס!

פאניע. דו דאַרפסט דאָך שוין גיין צו די גרינבערגס.

ליזע. איך האָב נאָך אביסל צייט... הינדעס! הינדעס!

הינדעס (באווייזט זיך אין דער הינטערגרונדטיר, אין ברילן, אונטער דעם לינקען ארם אַ קוליע, אונטער דעם רעכטן, ביכער און אין די הענט פאפירענע זעקאַלאַך מיט עסנווארג).

פאניע (גנבעט זיך ארויס פון דער טיר לינקס).

הינדעס. גוטן אָוונט. וואָס איז דער מער?

ליזע. אויף גיך אהער! פאַ — — —

הינדעס. וועט מיר אפשר דערלויבט זיין אריינצוטראָגן די פּעקלאַך אין מיין שטוב?

ליזע. אָבער אַ האָר אויך נישט! פאניע — — —

הינדעס (נעמט ארויס פון איין זעקל אַן עפּל). טאַ, נאָט אייך אַן עפּל.

ליזע (נישט נעמנדיק דעם עפּל). אָך, לאָזט דאָך אויס־ריידן! פאַ — —

הינדעס. וועט מיר אפשר דערלויבט זיין צוצוזעצן זיך?

ליזע (שרייט אויס). פאניע האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון בערמאַנען!

הינדעס (צחעצנדיק זיך). אַז מען האָט אָנגענומען זיין דראמא. איך האָב אויך דערהאַלטן א בריוו פון בערמאַנען.

ליזע. דאָס איז גאָר נישט. דער עיקר איז, ער מאַכט איר אזוי גוט ווי אַן אָנטראָג.

הינדעס (זער פארוואונדערט). אזוי גוט ווי אַן אָנטראַג? פאניען?

ליזע. יאָ. און אַז פאניע וועט ארויסקומען, זאָלט איר איר אָפּגעבן אַ רעכט־פריינטליכן מזל־טוב און איר זאָלט קיין עגאָאי... (פארכאַפּט זיך) הם, איך האָב שיר נישט געזאָגט אַ נאַרישקייט. — — אָך, איך בין אזוי פול מיט פריידן, אַז איך וואָלט געוואָלט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיך פרייען. הערט איר, איר זאָלט איר העלפן זיך פרייען, הערט איר? און איצט, האָט מיר אַ גוטן אָוונט, איך מוז שוין לויפן צו די גרינבערגס (לאָזט זיך צו דער טיר לינקס, זינגט) „פרוידע, שיינער געטער־פונקען..."

הינדעס (רופט איר נאָך). אָבער צום טייוול! פריילין, פריילין ערליך!

ליזע (אין טיר). איך האָב איצט צום טייוול קיין איין מינוט צייט נישט (פארשווינדט).

הינדעס (שטויסט ארויס א בייזן טאָן, וואַרפט זיין קוליע אויף דער ערד, לייגט אוועק זיינע ביכער מיט די זעקאַלאַך ביים שטול און ברומט אונטער). וואָס איז דאָס פאַר א ליצנות! (נעמט ארויס אַ בריוו פון בחים־קעשענע און קוקט אריין, קוקט איבער איין זייט און די צווייטע, דאַן ווידער די ערשטע, דאַן ווידער די צווייטע, שטויסט ווידער ארויס זיין בייזן טאָן, שפּארט זיך אָן אויף זיין האַנט, וועלכע איז אָנגעלענט אויף דעם קני, און קוקט פאר זיך מיטן בליק פון נישט־פארשטיין עפּעס).

פאניע (קומט אריין, גאַנץ פארלעגן). גוטן אָוונט, הינדעס!

הינדעס (ברומט אָפּ, נישט ענדערנדיק זיין פּאָזע) גוטן אָוונט!

פאניע (וואַרפט אויף אים אַ פאַרלעגנהייטס־בליק און הויבט אָן צו באַשעפטיקן זיך מיט די מאַנטלען, וואָס הענגען אויף די פיגורן).

הינדעס (ענדערט נישט זיין פּאָזע און קלאַפּט אונטער מיטן פוס, באַלד הערט ער אויף צו קלאַפּן און זאָגט, נישט קוקנדיק אויף פאניען). פריילין סעגאַל, וועט מיר דערלויבט זיין אריינצוקוקן אין בערמאַנס בריוו?

פאניע (לאַכט אָפּ פארלעגן). דאָס איז אַביסל אינדיס־קרעט — — נישט זער מעשה קאַוואַליער.

הינדעס (אין דערזעלבער פּאָזע און אין דעמזעלבן טאָן). וועט מיר דערלויבט זיין אריינצוקוקן אין בערמאַנס בריוו?

פאניע (פארלעגן לאַכנדיק, וואַרפט אים צו דעם בריוו, וועלכן זי האָט געהאַלטן אין אַרבל). קוקט אריין, אויב אייך ווילט זיך אזוי.

הינדעס (בויגט זיך פאַמעלעך איין, דערלאַנגט דעם בריוו, צוהינקנדיק צו אים, זעצט זיך צוריק און קוקט אריין. באַלד ברומט ער אָפּ). הם, אזוי! (לאָזט אראָפּ דעם בריוו אויף דעם קני, שטעלט ווידער אָן דעם בליק אין דער ווייט, טרייסלט נערוועז מיטן פוס און ברומט אונטער ווי פאַר זיך אליין). אַזאַ אידיאָט צו זיין!

פאניע (קוקט אים פארוואונדערט אָן).

הינדעס (אביסל שטילער). אַזאַ אידיאָט צו זיין!

פאניע (מיט דעם פארלעגנהייטס־לאַכן). ווער?

הינדעס. נישט איך. (הויבט אויף זיין קוליע מיט די ביכער און זעקאַלאַך, שטייט אויף און טראָגט־צו צו פאניען דעם בריוו).

פאניע (ווייך, בעטנדיק אים). הינדעס, זייט דאָך נישט אזוי ברוגזדיק. איר מאַכט מיך גאַנץ טרויעריק.

הינדעס. איך גיי צו מיר אין שטוב, וועט איר מיך נישט זען.

פאניע (ווי פריער). רעדט נישט אזוי צו מיר, הינדעס. זייט מיר מיין גוטער פריינט, ווי תמיד (שטילער און פאר־לעגענער) און זייט גוט צו בערמאַנען, איר ווייסט דאָך, צווישן אונדז, צווישן אייך און מיר, האָט דאָך סיי ווי סיי גאָר נישט געקאָנט זיין.

הינדעס. דאָס דאַרפט איר מיר נישט זאָגן. איך ווייס וואָס איך ווייס, און האָב צו אייך גאָר נישט.

פאניע. היינט, וואָס זייט איר אזוי אָנגערוקט און זידלט זיך?

הינדעס. ווייל...

פאניע. נו, ווייל?

הינדעס (שלאָגנדיק זיך מיט דער דעה, שטורמט ארויס). ווייל אין כעס בין איך! שרייבט דער מענטש אזא אומפארשטענדליכן, צווידייטיקן, זער אומגעלומפּערטן זאַך און פארקאָכט אַ גאַנצע קאַשע.

פאניע. וואָס מיינט איר דאָמיט?

הינדעס (וואַרם). פריילין סעגאַל, איר ווייסט, וועלכע געפילן איך טראָג צו אייך, און איר ווייסט, אַז איך ווינטש אייך אַל דאָס גוטס, און איך פארזיכער אייך, אַז איך וואָלט גאַנץ טיף אין מיר פארגראָבן מיין ווייטיק און מיין בענקעניש און

וואָלט זיך געפרייט פון גאַנצן האַרצן, ווען עס וואָלט געווען אַזוי, ווי איר האָט פאַרשטאַנען בערמאַנס בריוו.

פאַניע. ווי איך האָב פאַרשטאַנען בערמאַנס בריוו?

הינדעס. און וואָס עס מאַכט מיך אַזוי צאָרנדיק און פאַרצווייפלט איז, אַז גראָד איך האָט עס געדאַרפט טרעפן און איך זאָל מוזן דאָ זיין דער אָפּעראַטאָר, אויף אַראָפּצונעמען די בעלמע פון אייערע אויגן.

פאַניע (זער אויפגערעגט). רעדט אָן משלים. ענדיקט אייער אַרבעט, דערשניידט, אַז איר האָט שוין אָנגעהויבן צו שניידן.

הינדעס (קוקט נישט אויף איר און רעדט אַרויס אָנ־געשטרענגט). בערמאַן האָט נישט אייך געמיינט.

פאַניע. נישט מיך?!

הינדעס. נישט אייך. נאָר אייער שוועסטער.

פאַניע (שרייט אויף). אַה!

הינדעס. ער שרייבט מיר, אַז די באַגעגענונג מיט אַלגאַ איז אים געווען, ווי ער וואָלט אַנטדעקט די שכינה, אַז ביסלאַכווייז איז ער געוואָרן אָנגעצונדן פון אַ פייערדיקער ליבע און האָפט, אַז די ליבע איז געגנזייטיק, אַז...

פאַניע (פאַלט אויף אַ שטול מיטן פּנים אויפן טיש און ברעכט אויס אין אַ יאָמער). אַלעס האָט זי ביי מיר אַוועקגענומען! (אין שטאַרקער פאַרצווייפלונג, מיט געשרייען פון טיפן האַרצן, וואַרפט זי אַרויף די הענט אויפן קאָפּ און הויבט זיך אָן צו ציפּן די האָר).

הינדעס (לאָזט אַראָפּ די ביכער מיט די פעקלאַך אויף דער בריק, הינקט־צו צו פאַניען און נעמט איר אַראָפּ די הענט פונם קאָפּ). איר האָט רעכט צו וויינען, אָבער נישט אָנצוטאָן זיך אַ לייד.

פאַניע (היסטעריש). אַלעס האָט זי ביי מיר אַוועק־גענומען! מיין שטרעבן צו לערנען, מיין יוגנט, מיינע בעסטע האָפענונגען, און איצט...

הינדעס. און איצט? — — גאָרנישט. בערמאַן האָט, ווי איר זעט, אייך גאָרנישט געליבט. ווען נישט דער אומגליק־ליכער, צווידייטיקער, זער אומגעלומפּערטער, פּשוט אידיאָ־טישער זאַך...

פאַניע (שטיל). הינדעס, איך פיל, אַז איך וויל נישט מער לעבן.

הינדעס. נאַרישקייט.

פאַניע. איך פיל, אַז אין האַרצן איז מיר געוואָרן אַ לאָך, אין דער נשמה איז מיר פּוסט און וויסט. ווי אַן אָפּגרונט וואָלט זיך אויפגעעפנט פאַר מיר... צו וואָס זאָל איך נאָך לעבן? איך קאָן נישט מער לעבן!

הינדעס. נאַרישקייט! נאַרישקייט!

פאַניע. איך האָב שוין אָפּגעלעבט מיין לעבן...

הינדעס. טיאַ!

פאַניע (פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אויפן ווענטל פונם שטול, האַרט). איך ווייס, וואָס איך רעד, און ווייס, וואָס איך האָב צו טון.

(שווייגן).

הינדעס (אָנקוקנדיק זי די גאַנצע צייט מיט אַ שאַרפן בליק; גראָב). איר טראַכט איצט, וועלכן טויט זיך צו מאַכן?

פאַניע (גיט זיך נישט קיין ריר).

(שווייגן).

הינדעס (זעצט זיך). איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה. אַמאָל איז געווען אַ מאַן, וועלכער איז — — נישט וועגן פאַרצווייפלונג און אומגליק, נאָר מחמת וואָכעדיקייט און פאַר־געניגן — — געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס לעבן איז נישט ווערט געלעבט צו ווערן, און ער איז אַוועקגעגאַנגען קויפן זיך אַ רעוואָלווער. ווי ער גייט אַזוי, האָט אויסגעבראָכן אין גאַס אַ שריפה. אַ פירשטאָק הויז האָט זיך אָנגעצונדן און איז אין איין מינוט געשטאַנען אין פלאַמען. פּלוצלינג האָט זיך אין איינעם פון די פענצטער פון דעם אויבערשטן שטאָק באַוויזן אַ פרויען־פיגור. די פייערלעשער האָבן צוגעשטעלט די העכ־סטע לייטער, און אַ מאַן האָט אָנגעהויבן צו קלעטערן אויף איר. דאָס איז געווען אונדזער זעלבסטמאָרד־קאַנדידאַט. ער האָט אַרויסגענומען די פרוי פונם פענצטער, איבערגעגעבן זי צו די פייערלעשער, וועלכע זיינען נאָכגעקראָכן נאָך אים, און ער אַליין איז אַריין דורכן פענצטער אין הויז אַריין. דער אַרומשטייענדיקער עולם האָט געאויקעט און געאַיקעט, וואַר־טנדיק יעדע מינוט, אַז דאָס הויז וועט איינפאַלן. דאָס פייער האָט אָנגעהויבן צו זעצן פון די אויבערשטע פענצטער, און באַלד איז מען געווען זיכער, אַז ער איז אומגעקומען אין די פלאַמען. אָבער ער איז נישט אומגעקומען. ער האָט זיך באַוויזן אויפן דאַך מיט אַ קליין קינד אויף די הענט. די לייטער האָט אַזוי הויך נישט דערלאַנגט, און די פייערלעשער האָבן אים צוגעוואָרפן אַ שטריק. ער האָט אַרומגעבונדן דאָס קינד און עס אַראָפּגעלאָזט צו די פייערלעשער. פאַר אים אַליין איז אָבער נישט געווען קיין רעטונג. ער האָט צונויפגעלייגט די הענט אויפן האַרצן, און פון זיינע אויגן האָבן זיך געקייקלט טרערן. ער, דער זעלבסטמאָרד־קאַנדידאַט, האָט נישט געוואָלט שטאַר־בן. ער האָט געוואָלט לעבן, ווייל אין דער מינוט האָט ער געפונען אַ ציל: לעבן און טון גוטס.

פאַניע (בייז). טון גוטס! טון גוטס! איך בין שוין מיד פון טון גוטס!

הינדעס. זינדיקט ניט געגן אייך אַליין, פאַניע!

פאַניע. טון גוטס! איך האָב געטון גוטס, איך האָב געלעבט נישט פאַר מיר, און, אָט, זעט איר דאָך, אַז איך האָב נישט אויסגעפּולט מיין לעבן, איך פיל מיך איצט עלענט, ווי די עלענטסטע, ווי די שלעכטעסטע, און איך בענק נאָך דעם טויט ווי די אומגליקליכסטע.

הינדעס (באַטראַכט זי פון אונטער די ברילן). ווייסט אַלגאַ פון אייערע געפילן צו בערמאַנען?

פאַניע (בייז). איך ווייס נישט, וואָס זי ווייסט.

הינדעס. קאָנט איר מיר נישט געבן אַן אָנשטענדיקע תשובה?

פאַניע. וואָס ווייס איך, וואָס? איך פלעג איר שרייבן גאַנץ באַגייסטערטע בריוו וועגן אים.

הינדעס. האָט אַלגאַ געקאָנט דרינגען פון זיי, אַז איר זייט צו אים נישט גלייכגילטיק?

פאַניע. וואָס פרעגט איר עפּעס ווי אַ סליעדאָוואַטל?

הינדעס. ווייל איך טראַכט, אַז אויב איר וועט טון דאָס, וואָס אייך ווילט זיך איצט און וואָס איך וויל גאָר מיט מיין מויל ניט אַרויסריידן, וועט אַלגאַ נישט נאָר נישט אָננעמען בערמאַנס ליבע, נאָר זי וועט זיך אַליין נעמען דאָס לעבן, קוקנדיק אויף זיך, ווי אויף די סבה פון אייער טויט.

פאַניע. וואָס האָט איר דאָ צוזאַמענגערעדט?

הינדעס. וואָס איר האָט געהערט.

פאַניע. מיינט איר...?

הינדעס. איר קענט אייער שוועסטער און דאַרפט וויסן, וואָס זי' וועט טון.

פאַניע (ברעכט ווידער אויס אין געוויין). פריער האָט זי ביי מיר צוגענומען דאָס לעבן, איצט לאָזט זי מיך נישט שטאַרבן! (לייגט אַוועק דעם קאָפּ אויפן טיש).

הינדעס. דאָס איז שוין אַ טאָן פון דער אַלטער פאַניע.

פאַניע (וויינט ביטערליך).

הינדעס. וויינען וועל איך אייך לאָזן. וויינט אַ סך, אַזוי לאַנג ווי איר האָט נאָר טרערן. אָבער דאַן זאָלט איר אייך גוט אויסטרוקענען די אויגן און מער קיינמאָל נישט וויינען.

אויסטרוקענען אויף אייביק דעם גאַנצן קוואַל פון טרערן. פאַרשטייט איר מיך. איך האָב עס געטון. אַזעלכע מענטשן, ווי איר און איך, אויסגעשלאָסן פון פּערזענליכן גליק, דאַרפן אָדער נישט אויפהערן צו וויינען, אָדער קיינמאָל נישט וויינען. איך האָב אויסגעקליבן דאָס לעצטע. פאַרהאַרטעוועט אייך, פאַניע, און דאַן לייגט צונויף די הענט אויף דער ברוסט און קוקט רואיק אין לעבן אַריין און פּולט עס אויס, ווי אייער האַרץ הייסט אייך.

פאַניע (וויינט נאָך אַלץ).

הינדעס (באַמערקט דערווײַלע ווידער בערמאַנס בריוו אויפן טיש, נעמט אים אין די האַנט, און גיט אים צוריק אַ שמיץ). אַזאַ אומגעלומפּערטער, אַזאַ אידיאָטסקע זאַך! און דאָס איז נאָך אַ דיכטער!

פאַניע (הויבט אויף דעם קאָפּ). אויף אַזאַ אופן וועט זיך דאָך אַלגאַ סיי ווי סיי אָפּזאָגן פון בערמאַנען. זי וועט מיינען, אַז זי נעמט אים אַוועק פון מיר, און דאָס וועט זי נישט וועלן.

הינדעס. מעגליך (פּלוצלינג האַרט) וואָס וועט אָבער אייך אַרויסקומען דערפון?

פאַניע (געבראָכן). איך טראַכט נישט וועגן זיך. איך מיין זי. איך וויל, זי זאָל אים האָבן.

הינדעס. ווידער די אַלטע פאַניע!

פאַניע. אַך, הערט אויף מיט דעם! גיט בעסער אַן עצה.

הינדעס. אַן עצה? זייט איר די שדכנטע.

פאַניע. און ווען זי וועט וועלן מאַכן פאַרקערט און זיין מיין שדכנטע?

הינדעס. דאַרף מען טראַכטן.

(שווייגן).

פאַניע (געבראָכן). הינדעס!

הינדעס. וואָס?

פאַניע. איך האָב אַן עצה.

הינדעס. איז גוט.

פאַניע. איך דאַרף אייער הילף.

הינדעס. אויב איך קאָן, וועל איך העלפן.

פאַניע. זאָגט איר צו?

הינדעס. בלינדערהייט?

פאַניע. בלינדערהייט.

הינדעס (באַטראַכט זי). פאַרוואָס מוז איך אייך צוזאָגן בלינדערהייט? אויב איך קאָן, וועל איך העלפן.

פאַניע (געבראָכן און פאַרלעגן). נעמט מיך... האָט מיט מיר חתונה.

הינדעס (קוקט זי אָן אַ ווײַלע, דאַן הייבט ער אויף זיין קוליע מיט זיינע ביכער און פעקלאַך).

פאַניע (בעטנדיק זיך). הינדעס! אַז מיר וועלן חתונה האָבן, וועט אַלגאַ קיין שום מניעה נישט האָבן.

הינדעס. פריילין סעגאַל, איך האָב אייך געליבט און ליב אייך, אָבער איך וויל נישט זיין דער מזבח, אויף וועלכן איר זאָלט אייך מקריב זיין.

פאַניע. איר האָט מיך ערשט אָפּגערעדט פון טויט, ווילט איר מיך איצט ווידער טרייבן צו אים?

הינדעס. אייער שוועסטער וועט קאָנען זיין גליקליך אָן בערמאַנען.

פאַניע. אָבער, אַז זי ליבט אים?

הינדעס. וועט זי ליידן, ווי מיר אַלע ליידן.

פאַניע. ניין, אַלגאַ זאָל נישט ליידן! איר הערט, איך וויל עס נישט.

הינדעס. דאָס איז שיין פון אייך.

פאַניע (מיט טרערן). הינדעס, איך דערקען אייך נישט מער.

הינדעס (קערט זיך אום צו דער טיר). אַ גוטע נאַכט.

פאַניע (ברעכט אויס אין אַ געוויין).

הינדעס (הינקט צו דער טיר, בלייבט אָבער שטיין, קוקט אויף דער בריק, דאַן הויבט ער אויף זיין בליק אויף פאַניען). פריילין סעגאַל, פאַרוואָס האָב איך די גאַנצע צייט, וואָס איך ליב אייך, נישט דערקלערט זיך אייך אין ליבע און ניט פאַרגעשלאָגן אייך חתונה צו האָבן מיט מיר?

פאַניע (וויינט).

הינדעס. איך וויל עס מיר דערקלערן. האָב איך עס דען נישט געטון, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז איר ליבט מיך נישט און איך האָב געוואָלט אייער ליבע, נישט בלויז אייער אַכטונג?

פאַניע (מיט זיכערקייט). ניין, איר האָט עס נישט געטון, ווייל איר האָט געוואוסט, אַז איך וועל אייך אָפּזאָגן.

הינדעס. און ווען איך וואָלט מיך געריכט אויף יאָ?

פאַניע. וואָלט איר עס געטון.

הינדעס. און חתונה געהאַט מיט אייך אָן אייער ליבע?

פאַניע. יאָ.

הינדעס. אָבער דאַן האָב איך נישט געוואוסט, אַז איר ליבט אַן אַנדערן.

פאַניע (געבראָכן). דער אַנדערער באַשטייט שוין מער נישט פאַר מיר.

הינדעס (לאָזט ווידער אַראָפּ זיין בליק צו דער בריק).

(שווייגן).

פאַניע. הינדעס!

הינדעס. יאָ?

פאַניע. קומט־צו נענטער.

הינדעס (צוגייענדיק). איך הינק.

פאַניע. לייגט דאָס אַלעס אַוועק.

הינדעס (פאַרציט אַ ווײַלע, לייגט דאַן אַוועק די ביכלאַך מיט די זעקלאַך).

פאַניע (ווי פאַרשעמט). אַלעס... אַלעס...

הינדעס (האַרט). שעמט אייך נישט, זאָגט פּשוט: לייגט אויך אַוועק די קוליע (ער לייגט אַוועק די קוליע).

פאַניע (שטייט אויף און נעמט אָן זיין האַנט). הינדעס, דו ווייסט מיין מיינונג וועגן דיר; דו ווייסט, ווי הויך איך שאַץ דיך, ווי גליקליך איך האָב תמיד געפילט צו האָבן אין דיר אַ גוטן, טייערן פריינט... (לייגט אַרויף אויף אים איר קאָפּ, מיט לאַסקע) נעם מיך אַרום און גיב מיר אַ קוש, אַ וואַרעמען, אַ הייסן קוש. לייג אין אים אַריין דיין גאַנצע ליבע, דריק אין אים אויס דיין גאַנצע געטרייע נשמה. (געבראָכן, וויינענדיק) איך זאָג דיר צו, עס וועט זיין גוט — — אונדזער לעבן. מיר, פון גליק פאַרגעסענע, וועלן נאָך זיין גליקליך — — אויף אונדזער אופן — — ווי מיר קאָנען (מוטיקער) וועסט זען, וואָס עס וועט באַלד זיין. ליזע וועט קומען, וועט זי אונדז שפּילן אַ יובל־מאַרש, אַ פריידמאַרש... (געבראָכן) זי איז אים מיר שולדיק! (ווידער מוטיקער) און איך וועל טאַנצן. דו קאָנסט נישט טאַנצן, וועל איך טאַנצן פאַר צווייען. וועסט זען. און זינגען וועל איך, און איבערקערן וועל איך אַ וועלט. הינדעס, קוש מיך, שטאַרק, שטאַרק...

הינדעס (ליידנשאַפטליך, אין טרערן) דו... דו... (ווערט פאַרגליווערט אין אַ לאַנגען קוש).

דער פאָרהאַנג פאַלט פּאַמעלאַך.